דיא

# דְרַייא מָלֵא רַחֲמִים

הער צו

נאך צוויא לידער אויף פרייטיג צו נאכט
און אויף שבת צו נאכט .

איינע ריכטיגע איבער זעצונג פון דיא היילגע געזיינגע

מאת אמ״ד .


ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ג לפ״ק


ДИ ДРЕИ МОЛЕРАХМИМСЪ.

т. е.

Три заупокойныя молитвы. Разсказъ.
Въ прибавленіи, два стихотворенія „Канунъ и исходъ“ Сочиненіе А. М. Дика.


ВИЛЬНА.

Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

1873.

1.

## "דער ערשטער מלא רחמים אין פראג"

שוין פון אונדיינקליכע צייטן וואוינען יודין אין פראג · אונ איז אלזו בעריהמט אין דער אידעשע וועלט מיט איהרע גרויסע רבנים וואס וואהרן אין איר פון קדמת דנא · איין היילינגער שווער פאלט איבער יעדען רייזענדען וואס בעטרעט צום ערשטין מאל איהר בית עולם וואס איז אויס געציערט מיט אלטע מצבות פון גאונעשע קברים וואס זייערע נעמען ווערין איבער דער מאנט מיט קדושה אונ טהרה בכל תפוצות ישראל :

נאך מעהר איז זיא בעריהמט מיט איהר אלטע שול וואס האט אין זיך גאנץ זעלטענע מנהגים · אונ וואס עס ווערט דער ציילט פון איר גרוישע וואונדער אונ גרויסע חדושים אונ ווערט נאך עד היום בעזוכט פון דיא גרעסטע דורכרייזענדע הן פון יודען הן פון קריסטען · זעלבסט פון קעניגע אונ פון קיסרים · דיא אלטע כסירה (פערעדאנע אדער זאגע) דער ציילט דאס דיא יודען האבין זיך בעזעצט דארט באלד נאך דעם חורבן בית שני · אונ האבין גיבויט דיזע שול פון מאטריאלען וואס זייא האבין גיבראכט מיט זיך פון ירושלים אויף כמה וכמה מאות קעמלען °) אונ אזו אויך ווערט דער ציילט דארט כמה וכמה

נסים

---

°) ר׳ דוד גאנז שרייבט אין זיינעם ספר צמח דוד אין דעם סימן תפ״ב אין זיינעם צווייטען מהייל דאס דיזע מסורה (זאגע) איז נים גאנץ געווים ווייל פילע היסטאריקער שרייבין אין זייערע ביכער דאס דיזער ארט פון דיזער שטאט וואר נאך דעם חורבן בית שני גאנץ וויסט אונ לער · אויך שרייבט ער דארט

דאס

Дозволено Цензурою 10 Февраля 1872 г. Вильна.

נסים וואס נאט האט געטאן דארט מיט דער אידישע געמיינדע דורך זייערע תפלות אין דיזער שול · דאס זייא זייען ניצול געווארין פון כמה וכמה בלבולים און פון כמה וכמה גזרות רעה און פון כמה וכמה רדיפות' איינע פון דיא וואונדערליכסטע מנהגים אין דיזער שול איז דאס מען מאכט אל מלא רחמים דארט אלע יאר אום יום כפור נאך כל נדרי איינעם געוויסין יענעראל יאקאב אינקערמאן · און דיזע ערציילונג איז פאר בונדין מיט איינער גאנצע געשיכטע וואס מיר וועלין דא באלד דער ציילין וואס עס וועט אין איר פאר קומען וויא ווייט דיזער מאן האט זיך פאר דינט גימאכט בייא דער דארטיגע אידעשע געמיינדע וואס אויס אייביגער דאנקבארקייט מאכין זייא אים אלע יאר דעם מלא רחמים נאך כל נדרי לויט זיינם איירעלען וואונש · דען בעסערעס האט ער פון זייא ניט פאר לאנגט :

מיט אפאר הונדערט יאר צוריק האט אין פראג געוואוינט איין געוויסער מלמד וואס האט געהייסין ר' גרשון שצעגעדינער · און ווייל אין יענער צייט אויך ווארין מלמדים בלויז ארעם האט ער געמוזט וואוינען אויף דעם פינפטען גארען וואו עס וואוינען דארט על פי רוב אלע אביונים · און דאהער זייען דיא וואונונגען דארט זייער אפ גילאזין · דיא טרעפ שלעכט · דיא פארהויז פענסטר אן ראמען און אן שויבין דאס דער מאנד קוקט זיך איין דורך זייא גאנץ טיף מיט זיינעם בלייכין געזיכט אין דיא שטילע

ווינטער

---

דאס איר נאמען „פראג" וואקסט נור ארויס פון דעם ווארט „פאראנג" וואס אין דער שלאוועסע שפראכע וואס איז א שוועסטער פון דער רוסישע שפראכע בעדייטעט עס „שוועלע" ווייל דיא ערסטע טייצין וואס זייען אין איר געקומען דעם ערסטין מאל האבין דער וויסט דארט דאס איינער פון דיא שטאט לייט צעסעט אבעלקע · און אלס זייא האבין אים גיפרעגט וואס מאכט ער עס האט ער געזאגט „פאראנג" :

WHY THE POOR STAY PUT IN THEIR SLUMS



ווינטער נעכט און דיא הערבסט ווינטען ווייהען אריין דורך זייא דיא וועלקע (פאווינאנעטע) בלעטער פון דיא טאפאלען מיט וועלכע עס זייען דארט דיא שטראזען געציערט דען וועלכער הויז בעזיצער (אבוואטעל) קימערט זיך אום דיא וואוינונגען פון זיינע ארעמע קאנטרעיענטען ווען אויך זייא בעצאלין אים זייער דירה געלט גאנץ ריכטיג און נאך פיל טייערער בערך דעם ווערט פון דיא וואוינונגען דער רייכען · ניין ער ראפירירט זייא קיין מאל ווייל ער איז זיכער דאס דער ארעמער וועט זיין דירה ניט בייטין אויס כמה אורזאכען · ערשטענס ווייל ער האט ניט אויף האנט געלט צו געבין אויף אנייע דירה · צווייטענס ווייל ער האט שוין קרעדיט אין דיא שפייז קרעמלאך פון דיזער גאס אין וועלכע ער וואוינט און עס קומט נאך דארט פר געוויס פיל ווייניג · נון דיזע שולדין צו סילוקען (בעצאהלען) און דער צו נאך פערשאפין זיך קרעדיט ווידער אין איינער אנדער גאס איז ער שוין געבאך ניט אין שטאנד בלייבט ער שוין ניט ווילענדיג פוילען אין דער זעלביגע דירה וואס איז נאס קאלט צאדנע און שום וויגאדע · אן אדאך · אן אפאדלאגע ביז ער ווערט קראנק און מען פירט אים אפ אין שפיטאל :

נון לאמיר אונז אומקערין צו אונזער געשיכטע · ער האט געוואוינט אויף דעם פינפטען גארין · און זיין ווירט וואר שוין אזו גאר בדעה צו טראנספאטירען אים אויף דעם זעקסטין גארין ווייל ער האט אין דיזעם זמן קיין קנעלוג גיהאט · עס וואר אבער דער ווילע אונמעגליך ווייל זיינע פרויא וואר אויף דער צייט דאס עס וואר איר אונמעגליך אזו הויך צו שטייגין און האט זיך אויס געבעטין בייא אים דאס ער זאל האבין גידולד מיט אים ביז איבער קינפעט · נון האט זיך גימאכט צו זיינעם אונגליק דאס דיא פרויא האט אן געהייבין צו גיין צו קינד און פרייטיג צו נאכט ארום צוועלף דעם זייגער אלס דיא ליכט זייען שוין אויס גיגאנגען · און דיא נאכט וואר דאן פינסטער און שנייאיג ·

דען

דען עס וואר דאן נאך ווינטער עגדע שבט · אונ וויא אויך עס איז דאך על פי דין ערלויבט בייא אזו אנגעלעגענהייט אן צו צינדין זעלבסט פייער · ער אבער האט אויף זיך מחמיר געוועזן · אדער ער האט דעם דין ניט גיוואוסט אונ איז אראפ גילאפין אויף צו זוכין איינעם ארעמען קריסט דער צו · אונ וויל עס וואר שוין דאן שפעט אונ עס וואר נימאנדען צו זעהען אין גאס איז ער אריין אין דעם אדוואך וואס וואר ניט ווייט פון זיינער וואוינונג אונ האט אוים גיבעטין בייא דעם קאפראל דאש ער זאל אים געבין א סאלדאט · וואש ער האט דער פאר בעקומען בייא אים אבריינטין טרונק בראנפין מיט א שטיקיל פיש פאר בייסין אונ דער נאך ווידער אשנאפס · אונ דער סאלדאט וואר דער פון אזו שטארק בערוישט דאש ער האט ניט גיטראפין אראפ גייענדיג צוריק דעם רעכטין וועג אונ האט זיך אזו פערטאירט אין איין אפענעם פענסטער פון פיר הויז אונ איז אלזו בייא דעם ערסטין פעל מריט וואש ער האט דארט גימאכט · דורך גיפאלין דורך אים אויף דעם ברוק אונ איז גיבליבין אויף דער שטעלע אמויסטער · נון פאר שטייט זיך וויא עס וואר דעם מלמד צו מוטה אלס ער האט דער הערט דעם קלאפ אונ זיין גיוואלטיגען גישרייא · ער איז באלד ארונטער צו אים · האט אים אן גיהייבין צו מינטערין · צו שפריצין אויף אים קאלטעם וואסער · אונ אלס ער האט גיזעהען דאש עס איז שוין נאך אלעמען · איז ער אוועק צו דעם קאפראל האט אים ארוים גירופין פון דער קאראהלנע אן אזייט · איז אים גיפאלין צו דיא פים אונ האט אים דער ציילט דאש אונגליק מיט דיזעם סאלדאט «איך בין פריהער אין גאטעס האנד אונ דער נאך אין דיין האנד» האט ער זיך אפ גירופין צו אים» האב רחמנות מיט מיר · מיט מיין ווייב אונ קינדער נאך מעהר מיט דער גאנצער אידעשע געמיינדע · דען וויא מען וועט נור גיוואר ווערין דאש ער איז נור דורך מיין פריצינע נעהרנג גיווארין וועלין דיא קריסטין פאר געוויס זאגין דאש איך האב עס מיט אבזיכט

גיטאן



גיטאן וויל מיר דארפין בלוט אויף פסח · אונ דאן האבין מיר אין בלבול דם · אונ עס ווערין אומקומען טויזענדע אונשולדיגע מענטשין «דער קאפראל האט זיך אווייליע בעדיינקט אונ דער נאך האט ער אים גיזאגט» נעם אפאר מענטשין פון שטוב אונ טראג אים אוועק צו אשיינק · דאש מען זאל מיינען דאש ער האט זיך איבער גיטרונקען» :

דער מלמד האט אים גידאנקט · אונ האט גיטאן וויא ער האט אים גיהייסין · דאך וואר ער זייער אומרוהיג · דען ער האט זיך געפירכטעט דאש דער קאפראל זאל עס ניט אויס זאגין · אונ איז דאהער באלד וויא עס האט אן גיהויבין צו טאגין אוועק צו דעם רב אונ האט אים דער ציילט דיא גאנצע גישיכטע · דער רב איז גיווארין דער פון העכסט אונרוהיג · אונ האט באלד גילאזט מאכין אגרויסע אסיפה · אונ דארט איז גיבליבין דאש מען זאל דעם קאפראל רופין צוא דעם רב אונ מען זאל אים בעשיינקען מיט טויזענד טאלער דאש ער זאל שווייגין · דער קאפראל אבער האט קיין געלט גיוואלט נעמען «ניין זייט זיכער» האט ער אים גיענטפערט · «איך וועל גיוויס ניט אווארט דער פון ריידין · דען איך בין אליין איין אידעש קינד · מיינע עלטערין האבין גיוואוינט אין אונגארען אונטער איין גרויסען מאגנאט · אונ אלס זייא האבין ניט גיהאט מיט וואש צו בעצאלין דיא ארענדע · האט ער צו גינומען בייא אים אונזערע פיר קינדער פאר לייב איינגענע (פאדאנעס) · אלע שיינע אינגלעך אונ מיט דער צייט האט ער אונז אפ גיגעבין פאר סאלדאטין · איך וואר דאן אלט צוועלף יאר אונ האב שוין גילערינט גמרא · אונ דער אידעשער פונק גליהעט נאך אין מיינעם הערצין · אונ דאנק אלזו גאט דאש איך קען וואש נוטעס טאן פאר אייער פרומע אידעשע גימיינדע · אונ וויל אזו דער פאר קיין געלט נעמען · אונ זייט אלזו גאנץ זיכער דאש עס וועט אייך קיין אומגליק דורך דעם גישעהען · דעם סאלדאט האט מען שוין מקבר גיוועזן ·

אונ

אונ איך האב דער פאר בעקומען דרייסיג שטעקינס פאר וואש
איך האב אים גילאזט אפ טרעטין ביא נאכט פון דער
קיראהולנע» :

אונ דאך האט זיך דער רב אפ גירופין ווילין מיר דיך
נים לאזין אונבעלוינטי לוינען דער פאר האט זיך דער קאפראל
אפ גירופין קען נור גאט אליין · אונ פון אייך פערלאנג איך גאר
נים מער נים דאש איר זאלט וואש טאן פאר מיין נשמה וואש
האט זיך פערפלעקט ביז אהער מיט פארבאטענע זאכין · איך
וויל ערסטענס דאש געלט וואש איר ווילט מיר געבין זאל
עם אנגעווענדעט ווערין אויף תלמוד תורה · אונ צווייטענס דאש
איר זאלט מיר נאך כל נדרי מאכין מלא רחמים · דען מיר גייען
אין עטליכע טעג ארום אוועק אין קריג נעגין דעם טערק · וואש
על פי רוב קערין זיך פון דארט אום גאנץ ווייניג הלואי איינער
פון צעהען «אונ דאש זאל דיר גישעהען מיין קינד» האט אים דער
רב גיענטפערט אונ ביא אלעם דעם בענטשע איך דיך מיט
אגליקליכע רייזע · דאש דוא זאלסט זוכה זיין צו קומען צוריק
גיזונט מיט עושר אונ מיט כבוד · אונ בין בטוח אן דעם בורא
ברוך הוא וואש רופט זיך אן מיט דעם נאמען שומר ישראל דאש
ער וועט זיין אויך דיין שומר אין דיזער מלחמה בזכות דעם
וואש דוא האסט איין געהים זיינע קליינע פראגער הערדע
(שטאדע) פון דיזעם אונגליק · אונ בין ווידער בטוח דאש דיין ארט
בעולם הבא וועט זיין צווישין צדיקים גמורים · דען דוא האסט
קונה גיוועזן דארט איין גיהייבענעם ארט בשעה אחת» :

דיזער קאפראל האט דער ביא זייער שטארק גיוויינט
האט גיטאן דעם רב אקוש אין האנט · האט זיך אפ גיזעגינט
מיט אים אונ מיט אלע גרויסע לייט וואש ווארין דער ביא אונ
איז אוועק באלד נאך דעם אין קריג · אונ דער רב האט
גיהאלטין ווארט · אלע יאר אום יום כפור נאך כל נדרי פלעגט
מען אים אין דיזער אלטע שול מאכין אל מלא רחמים מיט גרוים

פאראד



פאראד אונ דיא גבאים פלעגין מנדב זיין צדקה פאר זיין נשמה ·
אונ עם איז איין גישריבין גיווארין אין פנקס דאש דיזער מנהג
זאל זיך נוהג זיין אויף אימער אונ אייביג · אין איאר זעקס ארום
איז אן גיקומען קיין פראג אפולק אונגארישע אוזארין אזו וויא אין
אלול צייט · דער פולק וואר זייער רייך · דיא אפיצירין ווארין
פון גרויסין אדעלי זייער שעף (יענעראל) אבער וואר גאר איין
בורלאנטענער מענטש · איין אוהב ישראל · אונ האט אלזו מיט
זיינע אדיוטאנטען בעזוכט דיזע אלטע שול צו כל נדרי · מען
האט זייא דארט זייער שיין אויף גינומען · מען האט זייא גיזעצט
אויף דעם אלטעטער · אונ איין הייליג שווער האט זייא ערגריפין
הערינדיג דעם חזן זאנגענדיג מיט אגרויסין קאהר «כל נדרי»
וואש וואר בעגלייט מיט איינעם ארגעל (דען אזו וואר דארט
דער מנהג דאן) · אונ דער צו נאך זעהענדיג» איינע גימיינדע
אידין פון עטליכע טויזינד גיקליידעט אין ווייסין שטייען מיט
גרויש פחד אונ אימה וויא דיא הייליגע גייסטער דארט אויבין
ארום גאטעס טראהן · אום אויש צו הערין זיין אויש שפרוך אונ
זיין גזר · נאך מער אבער האבין זייא זיך פאר וואונדערט אלם
זייא האבין דער הערט נאך דיזער פייערליכע גיבעט דעם אל
מלא רחמים · דאש וואר אליך איבער גיזעצט גיווארין אין דער
טייטשע שפראכע · אונ האבין גיפרעגט «ווער איז עם פאר
איינער וואש האט זוכה גיוועזן צו אזו אגרויסע עהרע' געווים עם
אגרויסער ראבינער אדער זאנסט איין הייליגער ?» :

«עם וואר קיין ראבינער · קיין הייליגער» וואר דיא
אנטווארט נור איינער וואש וואר אמאל אמליץ טוב פאר דיזע
אידעשע גימיינדע · אונ האט זייא דאן מציל גיוועזן פון אגרוישין
אונגליק «זייער שיין · זייער שיין» האט זיך אפ גירופין דער
יענעראל · עם פרייעט מיך צו זעהען דאש אפאלק איז דאנקבאר
(מכיר טובה) דעם מענטשין וואש האט וואש גוטעס גיטאן פאר
זייא · אונ איז באלד ארונטער פון דעם אלטעמער אום צו דאנקען

דעם

דעם רב דאפיר · און דארט ביי אים אויף זיין שטאט האט ער זיך גילאזט פאר אים דער קענען · דאס ער איז דאס דער קאפראל וואס מאכט נאך אים דא דעם מלא רחמים · דען זיין ברכה איז מקוים גיווארין · ער האט דאן אין דער מלחמה זייער מצליח גיוועזן · און האט פון יענער צייט אן אן גיהויבין צוא שטייגין מעלה למעלה ביז ער איז גיווארין יענעראל :

RECOGNITION SCENE

אויף מארגין איז ער גיקומען צו דעם רב אין שטוב און האט אים דער ציילט וויא עס האט זיך מיט אים פאסירט ביז אהער · האט אים גידאנקט פאר זיין ווארט האלטין · און האט מנדר גיוועזן אסך געלט אויף צדקה · און דער רב האט אים געוויזין דאס דער מנהג צו מאכין אלע יאר נאך כל נדרי מלא רחמים איז שוין פאר שריבין אין פנקס לדורי דורות · אויך האט ער אים גיוויזין פרומע דרכים וויא ער זאל זיך נוהג זיין אין אידעשקייט זייענדיג אין סלוזבע · און וויא ער זאל זיך נוהג זיין דער נאך · נון פאר שטייט זיך דאס מען האט דעם מלא רחמים איין גישטעלט (אויף גיהערט) כל זמן ער האט גילעבט און לסוף ימיו · איז ער אוועק קיין אמשטערדם און האט דארט פאר לעבט זיינע לעצטע יארין אלס פרומער יודע · און באלד וויא ער איז גישטארבין · האט מען עס אן גימעלדעט קיין פראג און מען האט אן גיהויבין צו מאכין מלא רחמים נאך אים איבער גייעם און מען מאכט עס נאך עד היום דארט :

2.

## דער צווייטער מלא רחמים אין שטאמבול

אויך אין שטאמבול וואוינען אידין פון אונדענקליכע צייטין · אלס זיא האט נאך גיהייסין ביצענץ און וואר אונטער די הערשאפט פון דיא רעמער (רומיים) · אויך אין איר זייען דיא יודין אויש גישטאנען גרויסע גזרות · און גרויסע רדיפות · און האבין דארט נאך פילע יארין געליטין זעלבסט אונטער דיא

רעגירונג



רעגירונג פון דעם טירקישען סולטאן מוראט דעם פערטין וואס ער האט גילאזט צערשטערין דיא אידעשע שול וואס וואר דארט דאן און האט גילאזין נאך זיך אבעפעל דאס מען זאל איר ניכט לאזין קיין מאל צוריק אויף בויען · און איז זיך אזוי גישטאנען תרוב מ״ר אלס צוויא הונדערט יאר · און דאך האט זיא ניט אויש גיוועבט איר היילינין גרוך אין וועלכין זיא איז גישטאנען ביי דיא דארטיגע יודין · פלעגין צו קומען אהין בעטין אין דיא תשובה טעג · און אין דיא תעניתים וויא איצונד ביי דעם כותל מערבי און פלעגין דער ציילין פילע וואונדר פון איר · אזו למשל וואר דער ציילט דאס מאנכער גרעק אדער טערק וואס האט אהין איין גיקערט זיין נויט דורפט צו פאר ריכטין פלעגט מען אים גיפינען טויט · האט איינער פון זייא גינומען א ציגיל אדער אשטיין פון איר און האט עס איין גימויערט אין זיינעם אבנין איז עס באלד איין גיפאלין · פלעגט זיך אהין פערלייפין א בהמה אדער אהונט פלעגט ארויס פאלין א ציגיל און פלעגט עס מסית זיין · אויך פלעגט גיברויכט ווערין איר גרוז צו מאכין סגולות און רפואות · און מען פלעגט אויש צו בעטין דארט וואס גוטעס אין דיא צייטין פון נויט · קורץ דער פון · דיזע שול וואר נעפירכטעט און גיעהרט פון יודין און פון טערקין אזו וויט דאס זעלבסט דיא רעגירונג האט איר גישוינט און האט ניט גילאזט פאר ברויכין איר פלאץ צו איינער אנדערין זאכע וויא אויך עס וואר איר זייער נייטיג צו שטעלין דארט אקאזארנע · און האט ניט גילאזט רירין א ציגיל פון א ציגיל · א שטיין פון א שטיין אויב וואויל עס איז גינאנגען א רייד דאס עס איז בעגראבין גרויסע שעצע (אוצרות) אונטער אירע פונדאמענטין · נון פאר שטייט זיך דאס דיא דארטיגע יודין האבין גיוואונצין פון הערצין דאס מען זאל איר צוריק אויף בויען האבין זיך כמה וכמה מאל גילאזט קאסטין זייער פיל געלט וועגין דעם · האבין אן גישטעלט גרויסע מליצים ביי דיא סולטאנען · עס וואר אבער אלץ פאר

לארענע

לארענע מיהע · דאש הייסט ווייל קיינעם פון זייא האט זיך ניט
גיוואלט איבער טרעטין דעם פערבאט פון דעם מוראט דעם
פערטין וואש וואר איין מעכטיגער סולטאן אונ איז אויך גישטאנען
ביי דיא טירקין אין איינעם הייליגין גרוך · זעלבסט אין דיא
צייטין פון דעם שבתי צבי וואש דיא יודין ווארין אין טירקייא
בסכנה גדולה ווייל איין אידעשער פעלד מארשאל האט איין
גינומען דיא אינזעל קאנדי · האבין זייא אויך ניט גיקענט צו
וועגין ברייננען דאש מען זאל דיא שול לאזין אויף מויערין צוריק
אונ מען האט זיך שוין מיאש גיוועזן דער פון אונ דיא שול האט
גע'ויסטעט אצייט מיט יארין ביז דעם יאר (1780) וואש דאן
וואר אסולטאן זעלים דער דריטער · וואש וואר שוין מער
אראפייער אלם אזיאט · דאש ער האט שוין פילע אראפייעשע
זיטין איין גיפירט אין טירקייא :

אין זיינע צייטין וואר איין גיוויסער יודע אין טרייעסט
וואש האט גיהייסין דוד מאלפורנע · דיזער וואר דאן דער
ערסטער מאשען שפילער אין גאנץ אראפייע · ער האט עס גילערינט Juggler
אין אסט אינדיען ביי דיא דארטיגע גויקלער (מאשען שפילער)
אונ ביי דיא בראמינען (פריסטער) וואש ווייסען זייער פיל פון
דיא נאטור גיהיימניסע (סודות הטבע) אונ האט אזוי מיט זיינע
קונסטשטיקע דאן מרעיש עולם גיוועזן · אונ האט זייא גיציינט
אין אלע קעניגליכע אונ קייזערליכע הויפין אונ אין אלע גרויסע
טעאטערין פון אלע הויפט שטעדט פאר שווערעם געלד · אונ
איז גיווארין דער פון אגביר עצום · נון וואר דיזער בערופין
גיווארין אויך קיין שטאמבול אום צו ווייזין זיינע שטיק פאר
דעם סולטאן · עס ווארין דער ביי דער מופטי (דר טירקישער
פאפסט) דער גרוים וויזיר אונ דיא גרעסטע לייט פון דעם
דיוואן (פארלאמענט) · אונ דיא נעליבטעסטע פרויען פון סולטאן
וואש זיינען דאן גיזעסין אויף אגאלעריע אונ עס צו גיזעהען דורך
איינען פאר · אויך ווארין דער ביי איינינע אראבישע





בעשווערער (בעלי השבעות) אונ צויבערער · אויך טירקעשע
טאשען שפילער אום צו ווישין צו ער מאכט זיינע קינסטע מיט
כשוף · צו מיט בעשווערונגען צו מיט פיזיצנע מיטלען · ער
האט זיך אבער אויש גילאכט פון זייא אלעמען · דען ניט איינער
האט פאר שטאנען וויא ער האט עס גימאכט · נון וועלין מיר
דא דער ציילין איין עטוואס פון זיינע קינסטע מיט וועלכע ער
האט זיך אויש גיצייכינט דארט · ער האט גיהייסין אריין טראגין
אגרויסין בעקין מיט ערד · האט אים פאר זייט מיט מאן פאר
זייא אין דיא אויגין · האט אים איבערדעקט מיט אגרויסין
סערוועט אונ האט אים גילאזט שטיין בערך איינע האלבע
שטונדע · אין וועלכע ער האט דער ווייל בעשעפטיגט דעם עולם
מיט אנדערע קונצין · אונ דער נאך האט ער אויף גיהויבין דעם
שערוועט האט מען דער וויסט שוין מאנכע מאנעלאך פעליג
אויש גיוואקסין אונ מאנכע האבין נאך גיהאלטין אין בליהענדיג ·
באלד נאך דעם האט ער גיוויזין איינן גרעסערין קונסט שטיק ער
האט גיהייסין דאש איינער פון דיא צויבערער אדער פון דיא
בעלי השבעות · אדער פון דיא שווארצע קינסטלער זאל זיך
אנידער שטעלין אויף אקליין טישיל · האט אים גילאזט אשטעק
מאן איין עטוואס פון אקליין פלעסיל · אונ האט אים אריבער
גידעקט מיט אברייטין פלארענס · אונ דאן האט מען גיזעהען
וויא עס שלאגט דורך אים וויא איין גערינכטער דונסט (טומאן)
דאש עס איז גיווארין דער פון פל דער גאנצער זאל · אונ דאן
אלס דער דונסט האט זיך פערלארין וואר שוין אויף דעם טישיל
ניט צו זעהען קיין מענטשין אונ קיין שלייער · אונ אלס מען
האט אים אן גיהויבין אויף צו זוכין האט מען אים דער וויסט
דאש ער שטייט אין אווינקעל פון הויף וויא אצו טומעלטערי אונ
האט ניט גיוואוסט וויא אזו ער קומט אהין · אונ אזו אויך האט
ער אריין גישאטין אטאפ מאן אין אקליינע נאדעל טעשיל · אונ
דער נאך צוריק אויס גישאטין איר אין טאפ אונ פיל גימאכט

אים מיט די וועלבע כאן׃ דער נאך האט ער גילאזט פאסירן אויף
איינעם בלאען קיטייק וואס ער האט אים גילאזט אן ציהען
אויף אלאנגן ראם וואס האט פאר נומען וויא דיא גאנצע ברייט
פון זאל שאטען פינירען וואס יעדער פון דיא צו שויער האט
אין זייא דער קענט זיינעם שוין לאנג גישטארבענעם בעקאנטין
אדער פריינט · דאס עס האט יעדערין ערגריפן איין
שויער אונ איין גרויען :

צוואר איז עס קיין צויבער · דיזער קונסט ליגט נור גיוויס
אין דער טיפע ידיעה פון דער אפטיק, (דאס הייסט אין דער
חכמה פון זעהען אונ בלייכטונג) דאך וואר דארט ניט איינער
וואס האט גיקענט אין דער זאכע איין דרינגען אונ האבין עס
גיהאלטין פאר איבער נאטירליך „איין גליק פאר דער וועלט„
האט זיך דער סולטאן אפ גירופין צו דעם קינסטלער דאס דוא
קיין בעטריגער ביזט · זאנסט וואלסט דוא גיקענט דיזע
וואונדער אגאנצע וועלט פאר פירן · נייע רעליגיאן מאכין וויא
אמאל דער שבתי צבי אין מיינעם לאנד · נוא אלזו דוא האסט
מיר גרויס פארגעניגין גימאכט מיט וואס זאל איך דיר לוינען ?
בעט עס זאל דיר אלעס גישעהען וואס צסולטאן איז נור אין
שטאנדע צו טאן :

„גרויסער סולטאן !„ האט זיך דער דוד אפ גירופין · קיין
געלט ברויך איך ניט דען איך האב גינוג · איך האב אבער קיין
קינד וואס זאל דער מאנען מיין נאמען „אונ דאס„ האט זיך דער
סולטאן אפ גירופין דאס ליגט ניט אין אמענשליכע מאכט
אונ איך בין דאך קיין גאט· אונ דאך האט זיך אפ גירופין דער
קינסטלער קענען זייא מיר געבין נאך פיל בעסערס דער פאר
גיבין זייא צו ליב מיר דיא ערלויבניס צו בויען יענע אונ יענע
חיסטע שול · אונ דאן וועט אויף מיר גיזאגט ווערין דער פסוק
„ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם טוב מבנים ומבנות„ דאס הייסט
איך וועל אייך אין מיינע מויערין דאס הייסט אין מיינע שולין

אין



אונ אין מיינע בתי מדרשים געבין א שם וואס איז פיל בעסער
אלס זין אונ טעכטער„ :

„אונ דיזעס זאל גישעהען„ האט זיך אפ גירופין דער
סולטאן · אונ האט באלד גישיקט זיינע אינזשינירען דאס מען
זאל וויזנאצען דעם ארט פון דער שול וויא ווייט זיא זאל פאר
נעמען אונ מאכין אשמעטע וויא פיל זיא דארף קאסטין אונ אין
פערלויף פון צוויא יאר איז זיא גיווארין פארטיג · נון ווער קען
זיך פארשטעלין דיא פריידין פון דער דארטיגין אידעשע
גימיינדע · עס וואר דארט ימים טובים איבער ימים טובים · אונ
דאן וואר גיפרעגט ביי דעם קינסטלער וואס פאר איין בעלוינונג
פאר לאנגט ער פון קהל דער פאר· „איך פאר לאנג פון אייך
דאס זעלבינע וואס איך האב פאר לאנגט פון דעם גרויסן הערען
(סולטאן) דאס הייסט איך זאל האבין דער פון איין אייביג
אנדיינקען ביי אייך אין שול דען איך בין איין בעוזדעטניק · נוך
וויל איך דאס איר זאלט מיר פאר שפרעכין צו מאכין מיר אין
דיזער שול אלע מאל נאך כל נדרי „מלא רחמים„ נאך מיין טויט·
„אונ דיזעס זאל אייך גישעהען„ האבין זייא אים גיענטפערט ·
אונ האלטין ווארט ביז דיזען טאג · דיזע גישיכטע איז דארט אין
שול אויס גיקריצט אויף אשטיינענעם טאוועל עד היום :

איין עטוואס פון דיזער געשיכטע איז צו לייענען אין דעם
ספר ירושלים · אין דעם ספר מצב היהודים · מיר האבין עס
מעתיק גיוועזן פון דעם ספר עלים לשבת (שבת בלאט) דאס איז
אזוי אספר וואס עס ווערט אין אים דער ציילט פרומע ספורים
פאר פרויען אונ גישעפטס לייטע וואס האבין אגאנצע וואך קיינע
צייט צו בעשעפטיגען זיך מיט דעם לערנין ספרי יראים · אונ צו
גלייך ערציהלונגען וואס עס האט פאסירט מיט אונזערע ברידער
אין אלע צייט אונ אין אלע לענדער וויא עס וואר אימער איינע
השגחה פרטית אויף זייא וואס דער פון ווערט אגרויסר חיזוק

אסונה

אבונה · אונ אזעלכע ספורים ווארין ביא אונז אויך אלס מיר ווארין נאך אין מצרים וויא דער מדרש זאגט אין פרשת שמות ה׳ «מלמד שהיו בידם כגלות שהיו משתעשעין בהם משבת לשבת לומר שהקב״ה גואלן» דאש הייסט דיא אידין האבין גיהאט דארט גאנצע מגלות בעשריבענע מיט שיינע ספורים פון וועלכע עס וואר ארויס צו זעהען דאש גאט ברוך הוא וועט זייא אויס לייזין אונ פלעגין דער מיט זיך ערקוויקען פון שבת צו שבת :

### 3.

### «דער דריטער מלא רחמים אין אסקאנט אין טיף וואלעכייא»

אין דער צייט פון גזרת ה״ח וואש דיא קרימישע טאטערין האבין דאן פערוויסטעט פילע שטעט אין אוקריינע אונ אין וואלעכייא אונ האבין אויס גימארדעט רבואות מענטשין יודין אונ קריסטין · האבין זיך דיא יודין פון דיזער קליין שטעטיל אלס דיא טאטערין ווארין שוין ניט ווייט פון זייא אן גיטאן פון קליין ביז גרוים מענער אונ פרויען אין תכריכים · אונ דאש וואר גראדע אום יום כפור · אונ זייען אלע ארויש הוץ לעיר ניט ווייט פון דעם טאטערסין לאגער · האבין זיך צו שטעלט אלע אין אגרויסין קרייז (עגול) אונ דער רב מיט זייער חזן מיט זיינע משוררים האבין זיך גישטעלט אין מיטין · דיזע ביידע מענער ווארין אויש גיצייכנעטע קענער אין זייער זאך · דער רב וואר אגרויסער גאון · אגרויסער דרשן · אגרוישער חכם · דער צוא נאך אשיינע אסאבע מיט אלאנגין ווייסין בארד · דאש גלייכין וואר דער חזן אוויכטיגער מענטש · אלמדן · אגרויסער ירא שמים · אונ אגרויסער וואויל זינגער · וואש האט גיפאסט צו זיין אחזן אין דער גרעסטע קהלה :

עס ווארין דאן דארט זייערע בערך אפאר בוזענד · אונ דאך האט דארט גיהערשט דאן איינע מוטען שטילע וואש וואר ניט גישטערט פון איינעם קינדעס וויינען · ניט פון איינעם

זיפצער



זייפצער (זיפץ) · ניט פון איינעם קלאג גישרייא · אדער גניאמער · רען עס וואר ביא יעדעם דיא ברוסט גיפרעסט פון שרעק : ראש מען וואר אין שטאנדע קוים אטעם צו שעפין אין דיזער פייערליכע (היילינע) שטילע האט ארויש גיטראטען דער רב מיט אקליינעם פריידיקט (דרשה) · «ליבע ברידער» האט ער זיך דאן אפ גירופין «אונזערע חכמים זאגין (כל המומתין מתודין)» דאש הייסט אלע וואש האלטין ביא דעם שטארבין דארפין זיך מתודה זיין · דיזער מנהג איז זעלבסט ביא דיא קריסטין · דיא רעגירונג שיקט אימער איינעם גייסטליכען (רוחאוונעם) אום אים פאר צו בערייטען צום טויט מיט ווידוים אונ מיט תשובה · אלזו מיינע ברידער אונ שוועסטער · מיר זייען אלע פאר משפט צום טויט · אונ שטייען אויף דעם ריכט פלאץ · דער צו האבין מיר נאך הייגט יום כפור · לאזט אייך פון מיר אייערין רב מכין זיין צום טויט · איר האט נאך צייט אין דיא עטליכע אונגעוויסע מינוטין צו טאן אתשובה שלמה · בעטעט איבער איינעם דעם אנדערין דאש ער זאל אים מוחל זיין וואש ער האט זיך אנטקעגין אים פאר זינדיגט הן אין געלט זאכין · אונ הן אין כבוד · אונ באלד דארויף זאלט איר אייך אויש זעהענען מיט גאט :

קוים האט דער רב אויש גישפראכין דיזע ווערטער · איז איינער דעם אנדערין אריין גיפאלין אין דיא ארעמס · האבין זיך צו קושט · אונ האבין איינער דעם אנדערין פערצייהעט פון הערצין · אונ דאן האט דער רב גיזאגט מיט זייא ווארט ביי ווארט דעם גרויסין ווידוי עס וואר פאר גאסין גיווארין דער ביא טייכענווייס טרערין · אונ דיא לעצטע וואש זייען נאך גיבליבין אין דעם טרערענזעקעל *) האט אויש גיפרעסט דער חזן מיט

זיינעם

*) אין דיא ביידע ווינקלען פון ביידע אויגין וואש נצו דער נאזע איז זייען דא צווייא קליינע פענכירציקעס ווי·

זיינעם זאגן דעם „ונתנה תוקף“ נאך מעהר מיט זיינעם מלא רחמים וואש ער האט גימאכט דיא גאנצע קהילה · דער גיזאנג פון דיזע ביידע תפלות אבער וואר אזו ריהרענד אזו יאמערליך דאש ער האט אן גיצויגין אהין דיא הויפט לייטע פון דיא טאטערען אום צו זעהען פון וואנען ער קומט · אונ ווער זייען דאש דיא זיסע זינגער · אונ זייען אלזו גיבליבין שטיין וויא דיא העלצער פון גרויש וואונדער אונ שרעק · אלס זייא האבין דער זעהען דאש איינינע טויזענד מענטשין שטייען אן גיטאן אין תכריכים · אונ דער חזן בעזינגט זייא וויא שוין גישטארבענע אונ אקארסט בענראבענע :

איינער פון זייא איז צו גיגאנגען צו דעם חזן · האט אים גיפרעגט וואש זאל דיזע צערעמאניע בעטייטען ? דיזער חזן האט אים אלץ ריכטיג ערקלערט · מיר ברייטין זיך צו צום טויט · אונ דיא תפלה וואש איך זינג איז איין גיבעט דאש גאט זאל גענעדיג אויף נעמען אונזערע זיילען · דען מיר זייען פערטיג צום שטארבין פאר אונזער אמונה וויא דיא אלע איבעריגע שטעט · דיזע רייד זייען דעם הויפטמאן אזו ווייט גיגאנגען צום הערצין · דאש ער האט זייא פאר זיכערט דאש עס וועט זייא קיין האר ניט גיקרימט ווערין · אונ האט זייא נאך גיהייסין געבין פיל בהמות צו שלאכטין פאר זיך · אונ דיזער טארטארישער הויפטמאן האט גיהאלטין ווארט · עס איז ניט איין האר זייא גיקרימט גיווארן · אונ וועיל דיזע רעטונג האבין זייא גיהאט צו פאר דאנקען נור דעם חזן האבין זייא אים פאר שפראכין צו מאכין אים אימער אונ אייביג מלא רחמים אין זייער שול אלע יום כפור נאך כל נדרי · דען ער וואר איין בעזונדערער בעזעטניק :

---

אימער פול מיט טרערין · אונ זייא ווערין אן גירופין טרערענזעקלאך :

---



## 4.

### „איין ליד אויף פרייטאג צו נאכט“

### א

א דוא שבת הייליגער גיבענצטער טאג ·
דוא בעפרייער פון זארגין פון קלאג אונ פלאג :
ציהע איין צום גליק מיט פריידען אונ פרידען ·
אין דיא הייזער פון דיינע פרומע אידען :

### ב

דוא ווארעמסט אונ ביזט דארט אימער איין גוטער גאסט ·
וואש פאלט דער פרומע ווירטשאפט קיין מאל צו לאסט :
מען נעמט דיך דארט אויף אימער זייער גערען ·
וויא איינעם פירסטען · וויא איינעם גרוישן הערען :

### ג

נור צו ליב דיר ווערין דיא טישין גידעקט ·
דיא בלאנקע לייכטער מיט גרויסע ליכט בעשטעקט :
אויך דיא בעטין זייער שיין אונ פרעכטיג פארבעט ·
אונ אזו אויך אום געביטין אלע ווייס גערעט :

### ד

דער צו נאך שענערע קליידער אן געטאן ·
יעדערער נאך זיין פערמעגין וויא וייט ער קאן :
דאש מען ווערט אין אים אין גאנצין אומגעביטע ·
גאנץ אנדערע דבורים אנדערע זיטען :

### ה

דען וויא מען ציהעט נור אן דעם שבת הוט ·
בעקומט מען שוין גאר איינעם אנדערין מוהט :
עס פאלין אראפ אלע פינסטערע זארגען ·
מען קימערט זיך ניט אום דעם איבער מארגין :

ו

מָען בְּעקוּמְט שׁוין גָאר נַייֶע גֶעטְלִיכֶע קְרֶעפְטִין ·
מָען רָעט שׁוין נִיט מָער פוּן וָואכִין גִישֶׁעפְטִין :
אַלֶע הֶענְדֶע אִין דִיר רוּהֶען אוּנ רַאשֶׁען ·
עֶס וֶוערְט שׁוין רוּהִיג דַאן אִין אַלֶע גַאסֶען :

ז

עֶס נֶעמְט אָן דַייגֶע הַיילִיגֶע פְרֵידֶען טַייל ·
דֶער קֶערְפֶּערִי אָבֶּער נָאךְ פִיל מָער דִיא זַייל :
עֶס פְרֵייֶען זִיךְ אִין דִיר דָאשׁ הֶערְץ אוּנ דִיא נִירֶען ·
עֶס לֶעבִּין אָפּ דִיא חוּשִׁים אוּנ דֶער גֶעהִירֶען :

ח

אָ זֶעלְבְּסְט בַּייא דֶעם בֶּעסְטֶען אוּנ טַייעֶרְסְטִין וַויין ·
בַּייא קֵיינֶם בַּאל קֶען מֶען נִיט אַזוֹ לוּסְטִיג זַיין :
וִויא בַּייא דֶעם מָאלְצַייט פוּן דֶעם פְרַייטָאג צוּ נַאכְט ·
וָואשׁ עֶס וֶוערְט נָאר צוּ לִיבּ דִיר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ גִימַאכְט :

ט

אָ זֶעלְבְּסְט בַּייא דֶעם עֶלֶענְדֶעסְטֶען אָרֶעמְסְטֶען טִישׁ ·
בַּייא אֵיינֶער דְרַייבֶּע אוּנ בַּייא קְלֵיינִינְקֶע פִישׁ :
בַּייא שְׁוַוארְצֶע חַלָה׳ פְלֵייש קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלַאךְ ·
פִילְט זִיךְ דֶער אָרֶעמֶער אִידֶעלֶע הֶעכְסְט גְלִיקְלִיךְ :

י

וַוייל דָאשׁ זַייעֶן נוּר אַלְץ הֵיילִיגֶע שְׁפַּייזִין ·
בַּייא וֶועלְכֶע זַייא נוּר גָאט לוֹיבִּין אוּנ פְרַייזֶען :
עֶסֶען טְרִינְקֶען אוּנ דֶער צוּ אַיין גוּט גֶעוִוסֶען ·
בֶּעסֶער אִיז אִין גַן עֵדֶן נִיט צוּ גֶענִיסֶען :

יא

דָאהֶער צִיהֶע אַיין פְרַייטִיג גַאנְץ בֶּעצַייטִין ·

זאמט



וַאמְט בֵּיידֶען אֵיינְגֶעלֶען פוּן בֵּיידֶען זַייטֶען *) :
אִין יִשְׂרָאֵלְס פְרוּמֶע הֵיילִיגֶע גִיצֶעלְטִין ·
בֶּעלוֹיכְטֶען אַלְס דִיא זַאלֶען פוּן בֶּעסֶערֶע וֶועלְטֶען :

יב

מִיט דַיינֶעם גוּטֶען אֵיינְגֶעל וָואשׁ פוּן רֶעכְטֶען ·
אוּנ מִיט דֶעם וָואשׁ פוּן לִינְקֶען · דֶעם בֵּייזִין דֶעם שְׁלֶעכְטִין :
וָואשׁ מוּז זָאגִין נִיט וִוילֶענְדִיג שׁוין זַיין אָמֵן ·
אוֹיף דִיא בְּרָכָה פוּן דֶעם גוּטִין אִין גָאטֶעם נָאמֶען :

יג

דָאשׁ הַלְוַאי אִיבֶּער אַכְטָאג פְרַייא פוּן שְׁמֶערְצִין ·
פוּל מִיט נָאטֶעם פוּרְכְט מִיט אַיינֶעם פְרֵיילִיכִין הֶערְצִין :
זָאל מֶען דִיךְ שַׁבָּת וִוידֶער אוֹיף נֶעמֶען מִיט פְרֵיידֶען ·
אוּנ דִיךְ הֵיילִיג הַאלְטִין בִּיז דַיין זִיךְ שֵׁיידִין :

יד

נוּן צִיהֶע מִיט גְלִיק מִיט פְרֵיידֶען אוּנ פְרִידֶען ·
אִין דִיא הַייזֶער פוּן דַיינֶע פְרוּמֶע אִידִין :
מֶען וַוארְט שׁוין דָארְט אוֹיף דִיר שְׁטוּנְדִין לַאנְג ·

אום

---

*) דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין דֶעם פֶּרֶק „כָּל כִּתְבֵי״ דָארְט אִין מַסֶכֶת שַׁבָּת דָאשׁ צְווייא מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת בֶּעגְלֵייטִין דֶעם מֶענְטְשִׁין פְרַייטִיג צוּ נַאכְט אַלְס עֶר גֵייט פוּן שׁוּל אַהֵיים · אֵיינֶער אִיז אַיין גוּטֶער אֵיינְגֶעל : דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אַיין שְׁלֶעכְטֶער · נוּן וֶוען זַייא קוּמֶען מִיט אִים אַהֵיים אוּנ דֶער וִויסִין דִיא לִיכְט אָן גִיצוּנְדִין · דֶער טִישׁ גִיגְרֵייט · דִיא בֶּעטִין פַאר בֶּעט · דָא זָאגְט דֶער גוּטֶער אֵיינְגֶעל · „מֶעכְטֶע זַיין דֶער ווִילִין פוּן גָאט דָאשׁ עֶס זָאל דָא אַזוֹ זַיין אִיבֶּער אַכְטָאג אוֹיךְ · אוּנ דֶער שְׁלֶעכְטֶער אֵיינְגֶעל עֶנְטְפֶערְט נִיט ווִילֶענְדִיג דַארוֹיף אָמֵן · אוּנ וֶוען נִיט גֶעשִׁיהֶעט פַאר קֶערְט חָלִילָה :

אום אויף צו נעמען דיך דארט מיט זאנג אונ קלאנג :

5.

„איין ליד אויף שבת צו נאכט"

א

א דער היילינער שבת איז שוין אוועק ·
אונ מיט דער זיסע מנוחה נעמט שוין איין עק :
דען עס שליסען שוין איין די זארגין ווידער ·
וויא גאנץ שווערע קייטין די מידען גלידער :

ב

עס איז זוי צום מוטה וויא יענעם פאר ליבטען ·
וואש וואר דארט אין דאש וואונדער לאנד עגיפטין °) :

THE SEXUAL IMAGERY TAKE LITERALLY!

פון

°) דארט אין עגיפטין (מצרים) האבין אמאל געוואונט ביי די ביידע ברעגין פון דעם גרויסין שטראם (טייך) וואש מען רופט אים „ניל" צוויא רייכע אונ פארנעמע פאמיליען (משפחות) וואש האבין גילעבט זייער פריינדליך מיט זיך איינאנדר אונ האבין זיך מתחתן גיוועזן צווישין זיך · דאך אבער באלד נאך תנאים זייען גיווארין דיזע ביידע פאמיליען העכסט אינפריינדליך צווישין זיך · אונ האבין דעם שידוך אפ גילאזין : ניט אזוי אבער וואריו צווישין זיך חתן אונ כלה · דען זייא ווארין שטערבליך פאר ליבט איינער אין דעם אנדערין דאש דער חתן פלעגט אלע נאכט אריבער צו שווימען דעם „ניל" אום צו פאר ברייגען די נאכט ביי דער כלה · אונ בעפאר עס פלעגט נאך א' הויבין צו בעגינען פלעגט זיא אים אויף וועקין דאש ער זאל דעם „ניל" צוריק אריבער שווימען דאמיט די עלטערין זאלין זיך ניט דער וויסין דאש ער בעזוכט איר · נון פאר שטייט זיך וויא ביטער עס פלעגט אים צו זיין דיזער שיידין פון איר אונ דער צו נאך אום





פון זיינער היים גיליבטע ברויט אויף גיוועקט ·
אויש דעם ווייכען ווארעמען געלעגער אויף גישרעקט :

ג

אום אריין צו שפרינגען אין דעם רוישענדען „ניל" ·
גאנץ בעגינען אלם עס איז נאך דרויסין קיל :
אום אים אריבער צו שווימען גאנץ גיך אונ שנעל ·
בעפאר עס וועט אויש טאגין אונ ווערין העל :

ד

א ! צו וואש דאש זוכין דעם כמבטיון גאנץ וויט ·
ווען מיר האבין איהם אין זיך אונ ביי דער זייט :
גאנצע זעקס טעג לייפט ביסטרע דער זארגענשטראם ·
דורך דעם איינגען אונ העכסט שמאלען הערצענס בראם :

ה

ער שלעפט מיט זיך הארטע זארגין וויא שטיינער ·
וואש ברעכט דעם שווימער דעם מוח אונ די ביינער :
ער רוישעט אונ לארעמט · זידעט אונ קאכט ·
דאש אויש גרויש שרעק מיר דער נשמה פאכט :

ו

דיזער שטראם רוהעט נור אין דעם היילינען טאג ·
דורך גאטעס בעפעהל דורך זיינען היילינען זאג :
וואש צווינגט אונ קלעמט איין דיזעם רוישענדען מעער ·
דאש ער זאל זיך ניט קערין אהין אונ אהער :

---

אריבער צו שווימען דעם געפערליכין שטראם · דאש ענדע פון דיזער געשיכטע וואר זייער טרויעריג · דען ער איז גיקומען לסוף צו איר צו שווימען אמאל · אונ זיא האט זיך אום צו זעהען צו זיין מיט אים דארט אויף דער טרונקען :

ז

א וואלט שוין דער אייביגער שבת קומען °) ·
דאש דיזער סמבטיון זאל אויף אימער שטומען :
דאש דיין פאלק ישראל דיינע פרומע אידין ·
זאלין שוין זיין מיט זייער לעבין צו פרידען ·

ח

דער ווייליע ערלויבע דאש אויך דיזע נאכט ·
זאל ווערין מיט דיר קיניגין שבת צו גיבראכט :
ביא איינעם מאלצייט מיט דיר זיך פרייען °°) :
זמירות זינגען · ביז דער האן וועט קרייען :

ט

„א געשווינט ! דיא בשמים אום זיך צו ערקוויקען" ·
„דען דיא ברויט וועגדעט מיר צו שוין איהרן רוקען":
„איך האב קיין קראפט עם אויש צו האלטען ·
„דער לאנגט ! זאנסט מאבע איך גרויסע גוואלטען" :

---

°) אונזערע חכמים זאגין דאש נאך דעם פערלויף פון זעקס טויזענד יאר פון בריאת שמים וארץ · וועט זיין איין אייביגער שבת · וואש מען רופט עס יום שכלו ארוך · וואש דיא צדיקים וועלין אין אים זיצין בעקריינט מיט קרוינען און וועלין זיך געניהרין נור פון גאטעס אבגלאנץ · אויך ווערט דיזער טאג אן גירופין יום שכלו שבת ומנוחה לחיי עולמים :

°°) דאש איז גימיינט דער קליינער מאלצייט פון מלוה מלכה · וואש מען מאכט שבת צו נאכט :

---

# וויטצען און שפיטצען

אדער

# אנעקדאטען

דאס זינד וויציגע און שפיציגע ערצייהלונגען וואס קומען צו ניץ אין אומגאנג אין דער וועלט מיט מענטשין וויא קליינע געלט אין דער טאשע אום רעסטע צוא געבין ביא יעדער בעשטע געלעגענהייט :

מאת אמ״ד ·

## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ד לפ״ק

ВИТЦЕНЪ УНДЪ ЩПИЦЕНЪ.
т. е.
Анекдоты.
А. М. Дика.

ВИЛЬНА
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ.
На жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ №№ 327 и 328.
1873.